# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קע"ז – בחקותי תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


**תתתתצ) עס דערציילט אונזער טאטע - זיידע**

## הרה"ג ר' ישכר דוב הכהן גלאנץ שליט"א

עס איז געווען ביי די חתונה פון הרה"ג ר' שלמה רובין שליט"א, חודש אב תשנ"ג לפ"ק, בין איך געווען ביי די חתונה אין מאנטריאל. די חתונה איז געווען אין א זאל אויסער די שטאט, אזוי ווי דער זמן מעריב איז געווען שפעט האט מען זיך געוואשן באצייטנס און אינמיטן די חתונה האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב.

האב איך באמערקט ווי דער רבי כ"ק מרן בעל ברך משה זי"ע וויל זיך שטעלן דאווענען מעריב, און ער בעט א סידור. עס איז דאך געווען מחוץ לעיר און קיין סידור'ל איז נישט געווען אין זאל, נעבן רבי'ן איז געשטאנען א בחור'ל וואס האט געהאלטן אין די האנט א קליינע מנחה מעריב'ל, און מ'האט דאס געוויזן פארן רבי'ן.

דער רבי האט דאס גענומען אין די הענט אויפגעמישט צו מעריב און גדאווענט דערין, אין איין האנט האט ער געהאלטן די קליינע מנחה-מעריב'ל, און מיט די צווייטע האנט האט ער געטייטלט אין די פיצעלע אותיות, עס איז געווען א מוסר השכל פאר אלע ארומיגע ווי שטארק דער רבי איז מקפיד צו דאווענען יעדעס ווארט פון אינעווייניג אין א סידור. (יעקב הכהן גלאנץ, יעקב הכהןברא"י גלאנץ, אברהם שמעון הכהן גלאנץ)

**תתתתצא) עס דערציילט אונזער מנהל**

## הרה"ג ר' נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א

ווען מיר זענען געווען בחורים אין די ישיבה לצעירים אין וויליאמסבורג זענען מיר אמאל געגאנגען לביתו נאוה קודש פונעם רבי'ן מרן הברך משה זי"ע זיך פארהערן שו"ע יו"ד וואס מיר האבן דעמאלטס געלערנט.

ווען מיר זענען אנגעקומען צום רבי'ן אין שטוב האבן מיר זיך אויסגעזעצט אינעם ביהמ"ד און מ'האט געווארט אויפן רבי'ן, וועלכער איז געווען פארנומען מיט א ערנסטע מיטונג וואס איז אפגעהאלטן געווארן אויבן ביי זיך אין שטוב.

שפעטער איז דער רבי אריינגעקומען אין ביהמ"ד און ער פרעגט "וואס דארף מען פארהערן?", האט מען געזאגט אז שולחן ערוך יורה דעה, דער רבי האט ניטאמאל געעפענט דעם שולחן ערוך וואס איז געלעגן אויפן טיש, נאר ער האט אנגעהויבן צו פארהערן אויסווייניג שווערע שאלות פון שו"ע, מחבר, מג"א און טו"ז, ש"ך און נקודת הכסף ביז צום פרי מגדים און ווייטער. מיר האבן באוואונדערט ווי אזוי דער רבי האט געשטעלט די אלע שאלות אויסווייניג מ'האט געזעהן ווי די גאנצע מקצוע איז ביי אים געווען כמונח בקופסא.

מיט א צייט שפעטער בין איך געווען ביים רבי'ן ביי א מסיבה, און דער רבי האט דעמאלטס טועם געווען מזונות, און נאכדעם האט ער גענומען א סידור'ל און אויפגעמישט צו 'על המחיה' און געזאגט א נאך ברכה פון אינעווייניג. האב איך פון דעם געזעהן אז אפילו ווען מ'האט אזא בקיאות במקצועות התורה, זאגט מען נישט קיין ברכה אחרונה נאר פון אינעווייניג אין א סידור. (מפי התלמידים)

**תתתתצב) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע**

## הרה"צ רבי יוסף חיים הכהן גלאנץ ז"ל מבארדיוב

מיר זענען געווען נאנטע קרובי משפחה מיט כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק **רבי יענקעלע זצוק"ל מפשעווארסק**, וועלכער איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק **רבי איציקל מפשעווארסק זצוק"ל**, אן איידעם ביי זקינינו הרה"ח ר' בערעלע הכהן גלאנץ זצ"ל.

עס איז געווען מיט היבשע יארן צוריק ווען רבי יענקעלע זצ"ל האט זיך אויפגעהאלטן אין אמעריקא א לענגערע צייט, און אלס קרוב משפחה איז ער אסאך געווען ביים זיידן אין שטוב, און ער האט דארט געגעסן.

ער האט געהאט א אינטערעסאנטע קפידא אז ער האט נישט געגעסן אין די וואכן טעג א מאכל וואס איז געווען באשטימט אויף שבת. ווען אמאל האט אים די באבע שתחי' צוגעשטעלט אויף נאכטמאל צודריקטע אייער, האט ער דאס נישט געוואלט עסן, ווייל דאס איז ווי א שבת'דיגע מאכל. זייט דעמאלטס האט זיך דער זיידע ע"ה אויך איינגעפירט די הנהגה און נישט געגעסן בימות החול מאכלי שבת.

איינמאל האט רבי יענקעלע ז"ל פארגעהאלטן די באבע תחי' אויף א געוויסן ענין. מיט עטליכע וואכן שפעטער זייענדיג ביים זיידן אין שטוב האט רבי יענקעלע געזעהן דעם ספר אפסי ארץ פון אונזער זיידן **הגה"ק רבי ישראל אפרים פישל סופר זצ"ל אב"ד נאנאש**, און ער איז זייער נתפעל געווארן פון די געהויבענע בחינות אין קבלה וואס ער האט געזעהן אין דעם ספר, און ער האט זיך אנגערופן "איך האב דא געזעהן אזעלכע זאכן וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געוואוסט".

האט מען אים געזאגט אז די באבע תחי' איז א אייניקל פונעם מחבר, האט זיך רבי יענקעלע אנגערופן "איך האב נישטו געוואוסט פון וואס פארא גרויסע משפחה זי שטאמט, ווייל איך איר איבערבעטן אויף דעם וואס איך האב איר דעמאלטס פארגעהאלטן". (יעקב הכהן גלאנץ, אברהם שמעון הכהן גלאנץ)

**תתתתצג) עס דערציילט מיין טאטע**

## הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א רב ביהמ"ד אבני צדק

ער האט געהערט פון הגה"צ רבי אורי אשכנזי שליט"א אדמו"ר מסטאניסלאוו-לאנדאן, אז בשנת תשי"ב לפ"ק איז רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע געפארן קיין ארץ ישראל, און אויפן וועג איז ער געווען אין לאנדאן, און ער האט געהאט די אכסניא ביי זיין טאטן כ"ק הגה"צ **רבי משולם יששכר אשכנזי זצ"ל אדמו"ר מסטאניסלאוו**.

ער איז דעמאלטס געווען א אינגל פון 5-6 יאר, און ווען דער רבי איז אנגעקומען האט ער אריינגעשטעקט זיין האנט אין די קאר און געגעבן שלום פארן רבי'ן. האט דער רבי באמערקט אז ער גייט מיט די פיאות פארשטעקט אונטערן קאפל, אזוי ווי אלע קינדער פלעגן דעמאלטס גיין אין לאנדאן.

האט דער רבי געפרעגט דעם סטאניסלאווער רבי'ן זצ"ל "ווער איז דאס קינד?", האט ער געענטפערט "דאס איז מיין קינד", האט דער רבי באפוילן אז ער זאל אריינקומען אין די קאר, און דער רבי האט אים געפרעגט "פארוואס גייסטו נישט מיט קיין לאנגע פיאות?", האט ער געענטפערט "ווייל די גוים שלעפן די פיאות".

האט דער רבי געזאגט מיט א שמייכל "די גוים שלעפן נאר ארויס די פיאות פון אונטערן קאפל, ווייל מ'טאר דאס נישט באהאלטן..." און דער רבי האט אים געהייסן גיין מיט שיינע אראפגעלאזטע פיאות. און ער האט טאקע אזוי געטון. (חנני' יו"ט ליפא אשכנזי)

**תתתתצד) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' ישי בוכינגער ע"ה אז איינמאל האט באזוכט ביים רבי'ן מרן הדברי יואל זי"ע **הגאון רבי יצחק הוטנער ז"ל ראש ישיבת רבינו חיים בערלין**, און דער רבי האט מיט אים גערעדט דעם חומר הענין פון נעמען א טייל אין די בחירות הטמאות בארה"ק.

אינמיטן דעם שמועס האט דער ראש ישיבה געפרעגט דעם רבי'ן "וואס זאגט דערצו רבי וועלוועלע?", (הגה"ק רבי יצחק זאב סאלאווייטשיק זצ"ל גאב"ד בריסק)

האט דער רבי געענטפערט "דער בריסקער רב האט מיר געזאגט אז ער האלט אויך ווי איך אז מ'טאר נישט גיין צו די וואלן".

האט רבי יצחק געפרעגט "פארוואס האט ער דאס נישט געשריבן בכתב?".

האט דער רבי געזאגט "איך האב אים דאס געפרעגט, און ער האט מיר געענטפערט אז "אונזער דרך איז בעל פה און נישט בכתב". האב איך אים געזאגט "עס וואלט ווען גוט געווען ווען אויך די אגודה האט אזא דרך פון בע"פ און נישט בכתב, אבער אז זיי שרייבן מוזן מיר אויך ארויסגיין קעגן זיי אויף זייער אופן בכתב, האט דער בריסקער רב געזאגט "אונזער דרך איז פארט אזוי".

שפעטער ווען רבי יצחק הוטנער איז ארויסגעגאנגען האט דער רבי דערציילט פאר די מקורבים דעם המשך פונעם שמועס וואס ער האט געהאט מיטן בריסקער רב איבער דעם ענין, ביי זיין באזוך אין ארה"ק בשנת תשט"ו, אז דער בריסקער רב האט געזאגט פארן רבי'ן "פארט האט איר פון מיר חיזוק, ווייל דער בית דין ווייסט מיין שיטה, אויך רבי עמרם בלוי ווייסט, מיינע קינדער ווייסן וואס איך האלט בנוגע די בחירות, און בעצם מיין שיטה איבער די ציונים". (עס איז טאקע ידוע עד היום הזה אז די קינדער און נאנטע תלמידים פונעם בריסקער רב ז"ל זענען פון די שטארקסטע קנאים קעגן די מדינה הציונית, און נעמען נישט קיין געלט און גייען נישט צו די בחירות, און זאגן כסדר זייער דעת תורה, כאטש זיי שרייבן דאס נישט בכתב) (שמעי' ברוך גאלד, יעקב זילבערשטיין)

## תתתתצה) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יחזקאל צבי מענדלאוויטש הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' חיים ישעי' אשר מענדלאוויטש ז"ל איז געווען פון די נאנטע מקורבים ביי כ"ק הגה"ק רבי אלעזר טווערסקי זצ"ל אדמו"ר מפאלטישאן.

עס איז געווען איינמאל ווען דער פאלטישאנער רבי זצ"ל האט געמאכט א שבע ברכות פאר אן אייניקל, און ער האט איינגעלאדענט כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע - דאן סיגוטער רב - צום שבע ברכות. נאכן בענטשן האט ער איהם מכבד געווען מיט אלע שבע ברכות, כאטש עס זענען דארט געווען אנוועזנד א ריי מיט חשוב'ע רבנים.

נאכדעם וואס דער רבי איז ארויסגעגאנגען האט זיך דער פאלטישאנער רבי אנגערופן צו מיין טאטן "איר ווייסט פארוואס איך האב אזוי מכבד געווען דעם סיגוטער רב?! ווייל ער וועט זיין דער ממלא מקום פון זיין פעטער דער סאטמארער רבי". (שלום יוסף מענדלאוויטש, חיים ישעי' אשר מענדלאוויטש, אפרים פישל מענדלאוויטש)

## תתתתצו) עס דערציילט מיין באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' יושע פערל הי"ו מאנטריאל

איר זיידע הגה"צ המקובל רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל פלעגט אסאך עוסק זיין אין זוה"ק, און ער איז געווען זייער מקושר צום תנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי, און ער פלעגט אפזיצן וואכן און חדשים אין מירון בצילא דמהימנותא פונעם הייליגן תנא.

דער וועג פון ירושלים קיין מירון פלעגט נעמען דריי טעג מיט א פערד און וואגן, ער פלעגט באלד נאך פסח זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג און ער איז דארט געווען ביז נאך ל"ג בעומר. ביז היינט איז נאך דא זיין צימער'ל וואו ער פלעגט זיצן און לערנען.

איינמאל ווען ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען איז אים אריין א געדאנק אין קאפ פון אלע מאמרים פון רשב"י פון גאנץ ש"ס, ער האט טאקע געמאכט אזא ספר, און ער האט א נאמען געגעבן מידות רשב"י.

ווען עס איז געקומען ל"ג בעומר פלעגט ער זיצן ביים ציון פון רבן שמעון אנגעטון מיט א ווייסן קאפטן, מיט גאלדענע שטרייפן און עס פלעגן קומען מענטשן צו חאלאקע'ען זייערע קינדער ביי איהם. ער האט געהאט א ספעציעלן גאלדענעם שערל מיט וואס ער האט געשוירן די קינדער וואס האבן באקומען פיאות אין מירון ביים ציון הרשב"י.

עס פלעגן אויך זיין נישט פרומע מענטשן וואס זענען געקומען דארט חאלאקע'ן זייערע קינדער, און ווען זיי האבן איהם געבעטן אז ער זאל אפשניידן די האר פון די קינדער, האט ער געזאגט אז פריער וויל ער אפשערן די טשופעס פון די טאטעס, און נאר נאכדעם קען ער אפשערן די האר פון די קינדער.

דערנאך פלעגט מען טרינקען לחיים און די אידן פלעגן בעטן ער זאל בענטשן די קינדער. עס איז געווען אסאך מאל ווען די מאדערנע מענטשן האבן געברענגט בראנפן, און ער האט נישט געוואוסט פון וואו די בראנפן קומט האט ער דאס נישט געוואלט טרינקען, ווייל עס קען האבן גאר ערענסטע חששות. אבער נישט וועלנדיג פארשעמען די מענטשן האט ער זיך געמאכט ווי כאילו ער טרונקט דערווייל האט ער דאס ארייגעגאסן אין זיין בארד...

די באבע פלעגט דערציילן אז ווען ער איז אהיימגעקומען פון מירון איז זיין העמד געווען הארט ווי א ברעט פון די פולע בראנפן וואס ער האט ארייגעגאסן, אבער אים האט דאס נישט געשטערט און עס איז אים כדאי געווען אז ער זאל נישט דארפן פארשעמען א איד, אפילו א נישט פרומען איד.

אזוי אויך דערציילט די באבע אז זי האט געזעהן דעם זיידן טאנצן אין מירון ווען ער איז שוין געווען א זיבעציג יעריגער איד, אבער ער האט געטאנצט ווי א זיבן יעריג אינגל... דאס איז געווען א שמחה וואס מ'קען זיך בשום אופן נישט פארשטעלן. (משה נתן נטע פערל)

## תתתתצז) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער
## הגה"צ רבי שמואל בראך שליט"א אב"ד נאנאש

ווי אזוי אמעריקע האט אויסגעזעהן אין יענע יארן נאך די מלחמה איידער דער הייליגער רבי מרן **בעל דברי יואל** זי"ע האט דא אויפגעשטעלט אידישקייט, איז כדאי צו דערציילן אז ווען מיין מאמע ע"ה מיט די קינדער זענען אנגעקומען קיין אמעריקע חנוכה תש"י האבן מיר באקומען א דירה פון די דזשוינט אין א געגענט בערך 20 מינוט וועג פון וויליאמסבורג.

אין יענע געגענט האבן בעפאר געוואוינט טויזענטער אידן וואס זענען געקומען פון רוסלאנד, און זיי זענען אנטלאפן פון די רדיפות פונעם רוסישן צאר, און אין יענע יארן האט אמעריקע גערן אריינגענומען אלע פליטים און זיי פלאצירט אין די געגענט.

אין די תקופה וואס מיר זענען אנגעקומען אהין איז שוין די געגענט געווען חורבה'דיג און פארלאזט, דעריבער האט די דזשוינט דאס געגעבן פאר די נייע געקומענע פליטים.

מיר האבן דארט געהאט א גרויסע דירה פון צען צימערן, אבער עס איז געווען זייער אלט און פארלאזט, מיר האבן דארט נישט געהאט קיין פרידזשידער, יעדן פרייטאג האבן מיר געקויפט אן אייז-באקס וואו מ'האט געהאלטן די זאכן וואס האבן געדארפט זיין קאלט.

אין יענע געגענט זענען געווען אסאך אלטע שוהלן. אויף אונזער גאס אליין איז נאך געווען דריי בתי מדרשים וואס האבן געהאט יעדן טאג א מנין, פארשטייט זיך אז נאר די זקנים פלעגן דארט קומען דאווענען, ווייל קיין יונגע מענטשן האבן שוין נישט געוואוינט דארט.

אזוי ווי די בתי מדרשים זענען געבליבן אויסגעשפילט האט מען דאס געקענט קויפן פאר ביליג, האט דער ריסקעווער רב ז"ל געקויפט א ביהמ"ד, און אויך דער דעברעצינער רב ז"ל, און נאך אנדערע.

האב איך געהערט פונעם ריסקעווער רב ז"ל אז איינער פון די אלטע תושבים אין די געגענט האט אים דערציילט אז די ערשטע ביהמ"ד אין די געגענט וואס איז געווארן אויסגעשפילט איז געווען די ביהמ"ד וואו ער האט גע'דאווענט, ווייל דארט האבן געדאווענט א גרופע חסיד'ישע אידן וואס זענען געקומען אין יענע יארן קיין אמעריקע, און זיי האבן געמאכט א תקנה אז ווער עס שניידט זיך די בארד קען נישט זיין א מעמבער אין זייער קהילה. אזוי ווי דער אינגערער דור איז ליידער געווארן שוואכער אין אידישקייט און זיי האבן זיך געשוירן די בערד, איז דאס ביהמ"ד געווארן אלס ליידיגער מיט ווייניגער מתפללים. האט מען געמאכט אן אסיפה, און מ'האט אפגעשמועסט אז מ'וועט מוזן מבטל זיין די תקנה, און אריינעמען אפילו ווער עס שניידט זיך די בארד.

האט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די עלטערע מתפללים און צוגעגאנגען צום ארון קודש און מיט קולי קולות האט ער געוויינט און געשריגן "הייליגע תורה, זע וואס מ'וויל דא טון מיט דיר".

ווען מ'האט דאס געהערט האט מען צוריק געצויגן די החלטה און ווייטער געלאזט די תקנה, און דאס ביהמ"ד איז טאקע געווארן שנעל אויסגעליידיגט פון מתפללים. (אברהם שמעון הכהן גלאנץ, יעקב הכהן גלאנץ, שמעון ארי' מייזעלס)

## תתתתצח) עס דערציילט אונזער פעטער
## הרה"ח ר' אלעזר מענדלאוויטש הי"ו

מיר פלעגן דאווענען אין ביהמ"ד פון הגה"צ חו"פ **רבי אלעזר ארי' טערקלטויב זצ"ל אב"ד אשוי**, וועלכער איז געווען בארימט מיט זיין צדקות און פרישות און זיין געוואלדיגע פשטות עד להפליא. עד כדי כך אז ביי זיך אין ביהמ"ד האט ער נישט געהאט קיין עמוד ביים דאווענען.

איינמאל האט ער געפרעגט זיין שוואגער **כ"ק הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זצ"ל** וואס איז דער ענין וואס מ'זעהט אז ווען רבנים און רבי'ס מאכן חתונה די קינדער לייגט מען לעמפלעך אויף די גאס נעבן זייער הויז.

האט אים דער ספינקער רבי געענטפערט אז מ'טוט דאס לכבוד די נשמות פון די גרויסע זיידעס וואס קומען אראפ פון עולם העליון זיך משתתף זיין אין די שמחה, ווי ס'שטייט אין זוה"ק.

זייט דעמאלטס יעדעס מאל ווען דער אשוי'ער רב זצ"ל האט חתונה געמאכט אן אייניקל פלעגט ער אנצינדן די לעקטער פונעם פארטש אונטער זיין הויז, זאגנדיג אז ער טוט דאס לכבוד די אבות הקדושים וואס קומען אראפ צו די שמחה. ווייל צו מקבל פנים זיין די אבוה"ק פעלט דאך נישט אויס לעמפלעך אין די גאסן, און ער האט יוצא געווען מיט איין קליינע לעקטער. (שלום יוסף מענדלאוויטש, חיים ישעי' אשר מענדלאוויטש, אפרים פישל מענדלאוויטש)